# טעמו וראו

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

גיליון עה - בא תשפ"א


## פרשת בא

### פארוואס בצורת מלחמה

בסייעתא דשמיא מיר שטייען יעצט אין פרשת בא, אין פרשת בא איז דא זייער זייער אן אינטערסאנטע זאך, ס'דא אזא געפיהרעכץ וואס מען זעהט ביי דעם גאנצע סדר פון דאס ארויסגיין פון מצרים ווי דאס גייט אזוי, פרעה באקומט מכות, און אט אט לאזט ער שוין ארויסגיין און ער ציהט באלד צוריק, און אזוי באקומט ער נאך מכות, און מ'בעהט זיך ביי איהם ווייטער ביז... ווען ער לאזט ארויסגיין פון מצרים, ער טוהט א 'טובה' און ער לאזט ארויסגיין פון מצרים.

ס'פרעגט זיך א מורא'דיגע שאלה, פארוואס דארף מען בכלל רשות פון פרעה? אונז האבן אנערקענט אז די אייבישטער מאכט אזעלכע מכות און ער פירט די גאנצע וועלט, כאפט ער אן די אידן און גייט ארויס פון מצרים, ער האט עפעס א פראבלעם מיט דעם פרעה??!

נאר מיר זעהן א מורא'דיגע נקודה, אז כביכול הקב"ה גייט דא אין א צורת מלחמה מיט פרעה, ער בייגט איהם אונטער, ביז ווען ער ברעכט זיך אונטער און ער לאזט ארויסגיין די אידן פון מצרים, וואס איז פשט פון דעם? וואס הייסט אז ער גייט מיט איהם אין א מלחמה און ער דארף פון איהם רשות?

### 'מלחמה לה' בעמלק'

מיר טרעפן נאך אין די תורה אזא מושג, אז כביכול הקב"ה פירט א 'מלחמה לה' בעמלק מדור דור', ער פירט מיט איהם א מלחמה, פון אין זייט זעהט מען די אייבישטער איז שולט אויפן טבע, ער מאכט אלע מכות, פון די צווייטע זייט ער פירט א מלחמה, נאכמער, נארמאל ביי א מלחמה גייט אז ס'דא צוויי צדדים און יעדע צד האט א כח, און איין כח איז מכריע דעם צווייטן כח, ווייל פחות או יותר, ביידע כוחות זענען כוחות 'גשמי' און ס'גייט א מלחמה, אבער וואס הייסט כביכול הקב"ה פירט א מלחמה מיט פרעה?! דער 'כל יכול', און כביכול הקב"ה ס'איז איהם שווער צו מנצח זיין? און ס'טוהט זיך דא א גאנצע זאך.

### נישט טשעפענען די 'בחירה'

נאר כדי דאס צו פארשטיין קלאר האט עס זייער א געשמאקע הסבר, כביכול הקב"ה האט באשאפן די וועלט מיט א מורא'דיגע סיסטעם, מיט א 'דרך העולם', און ער וויל נישט טשעפענען דעם דרך העולם, די טבע וואס דער אייבישטער האט אריינגעלייגט אין די וועלט, ער האט עס מלביש געווען אין א נקודה וואס רופט זיך 'בחירה', די פשוטע טייטש פון בחירה איז אז א מענטש קען טוהן וואס ער 'וויל', און אז ער וויל ח"ו טוהן זאכן וואס איז שלעכט'ס קען ער טוהן שלעכט, און ווען ער וויל טוהן גוט'ס, ער אליין איז עס בוחר, די בחירה האט אויך די אייבישטער באשאפן, און ער גיבט די כוחות צו אויספירן די בחירה, אבער ער וויל נישט צושטערן דעם כלל פון די בריאה פון 'בחירה'.

יעצט וויבאלד פרעה איז געקומען מיט 'טבע', 'אלקים' און דאס דערמאנט ער נאכאנאנד, [אלקים איז גימטריא 'הטבע'], אבער פון הימל באווייזט מען איהם אז 'וידעת את הוי"ה', אז השי"ת ער איז דער מהוה, ער פירט אלעס, איך בין 'בוחר'?!, כביכול הקב"ה וויל ברעכן די זאך, ער מאכט 'נסים', אבער ער נעמט איהם נישט צו די 'בחירה', און ער גיבט אכטונג, און אויף דעם, דארט איז די מלחמה, כביכול האט געוואלט אז מצד הבחירה, ער זאל 'בוחר' זיין און ארויסשיקן די אידן פון מצרים.

קומט אויס, צו דאס פארשטיין אין אונזער למעשה'דיגע וועלט וועט מען פרעגן נאך א שאלה וואס אלע קאכן אין דעם, ס'דא בחירה? ס'האלט אין איין זיין פסוקים אז כביכול הקב"ה האט מקשה געווען לבו של פרעה, האסטו דאך פון איהם צוגענומען די בחירה? ס'דא אסאך שיינע תירוצים אויף דעם, ווייל אמאל א

נס נעמט ארויס איינעם פון די בחירה, מ'דארף איהם צוריק שטעלן אז די בחירה זיין זיין שוה בשוה.

## א געדאנק פון הייליגן שפת אמת

אבער די הייליגע שפת אמת קומט מיט א מהלך, און ער זאגט זייער געשמאק, פרעה, ביים אנהייב האט ער בוחר געווען ביי די 'רע' ביז די סוף, און בסך הכל נאכן באקומען די מכה האט די אייבישטער איהם געהאלפן ער זאל שטיין אין זיין 'בחירה' פון די רע, א געדאנק פון הייליגן שפת אמת.

יעצט וועט מען עס אריבער ברענגען לגבי אונזער בחירה, ס'איז ידוע וואס ס'ווערט גערופן אין גמרא, און די תניא קאכט אין דעם, אז א איד האט א יצר טוב מיט א יצר הרע, און 'אלמלא עזרו אינו יכול לו', איז די טייטש ער קען בוחר זיין בטוב וברע, און ווען נישט די אייבישטער העלפט איהם צו מכריע זיין צו די צד הטוב איז איהם שווער, די אייבישטער איז איהם נאר מכריע, ס'שטייט 'שופטי נפשו' מיעוט רבים שנים וויל צוויי זענען איהם מכריע, ס'גייט ארויף אויף א פסוק 'כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו', 'שופטי' זענען די שופטים די יצר טוב מיט די יצר הרע, און די אייבישטער העלפט איהם.

## 'הבא לטהר מסייעין אותו'

נאך א יסוד וועט מען אנרירן צו פארשטיין דעם שפת אמת, ס'פרעגט זיך א מורא'דיגע קשיא, ס'שטייט אין גמרא אז ביי א איד אויב ער איז ח"ו בוחר ברע, 'הבא לטמא פותחין לו', מ'עפנט איהם די טיר קענסט גיין, 'הבא לטהר מסייעין אותו' מ'העלפט איהם צו ווערן טהור, לויט דעם שפת אמת וואס מ'האט פריער געזאגט אז א מענטש איז בוחר ברע העלפט מען איהם ביזן סוף אזוי ווי ביי פרעה, וואלט מען פאר א איד נישט נאר פותחין לו, נאר הבא לטמא מסייעין אותו, דו ווילסט גיין אויף דארט, דו האסט דאך בוחר געווען דארט, וואס איז די הבדל ביי דעם איד וואס הבא לטמא איז נאר פותחין לו, און הבא לטהר 'מסייעין אותו' מ'העלפט איהם?

## פרעה איז בוחר ברע ביזן סוף

נאר א גוי קען באמת בוחר זיין ברע ביזן סוף, פרעה איז בוחר אין רע ביזן סוף איז מסייעין לו, א איד אין רע וויפיל ער זאל בוחר זיין אין רע, אבער נישט ביזן סוף, נישט שטארק, ממילא היות ער מאכט עס נישט ביזן סוף איז שוין נישט מסייעין אותו, נאר פותחין לו, בוחר זיין אין טוב, א איד וויל אלעמאל אין 'טוב' און ער וויל דאס באמת ביזן סוף איז מסייעין אותו, אזוי ווי פאר פרעה האט מען געמאכט מסייעין אותו צו אנקומען צו דעם רע.

די זעלבע זאך, פארוואס כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו, פארוואס העלפט ער איהם צו צד פון יצר טוב? ווייל פון יצר טוב באמת וויל ער יא, העלפט מען איהם צו אנקומען דארט 'מסייעין אותו' אבער נישט פותחין לו.

## א איד איז בוחר בטוב

פון די גאנצע זאך וועלן אונז ארויסנעמען למעשה, וואס אין אונזער בחירה פון טוב און רע, זאלן מיר וויסן אז טאמער פאר פרעה האט מען געהאלפן בוחר זיין אינעם רע, און כביכול הקב"ה צוליעב דעם וואס ער האט געגעבן בחירה אויף די וועלט, האט כביכול הקב"ה איהם געדארפט העלפן בוחר זיין אין דעם רע, און מצד שני האבן מיט איהם שפעטער א 'מלחמה לה' בעמלק' וואס איז א גאנצע עבודה קשה אז נאכן בוחר זיין אין רע, און איהם אויך העלפן בוחר זיין אין רע, זאל ער אויכעט נכנע ווערן און צום סוף זיך בייגן.

איז א איד, ווען ער איז בוחר בטוב וויפיל איז ער מכריע זיין רע, וויפיל מסייעין אותו, ווי נאנט קען ער ווערן צום באשעפער, און וויפיל כי יעמוד לימין אביון די אייבישטער וועט איהם העלפן נאך א גוטע החלטה אז ער וויל שוין זיין גוט.

## 'יאוש שלא מדעת'

די פרשה פרשת בא שטייען אונז אין די ימי 'השובבים', אסאך מאל א איד טראכט איך בין שוין דורך געגאנגען די ימי השובבים, איך האב געפאסט, ס'געווען שובבים ת"ת, איך האב זיך שוין אונטער גענומען קבלות, און איך בין שוין נאך די קבלות נאכאמאל דורך געפאלן, ס'גייט נישט, ער גייט אריין אין א סארט 'יאוש' וואס איז 'יאוש שלא מדעת', ער ווייסט אפילו נישט אז ער איז אין יאוש, אבער ווען מ'וועט איהם ריכטיג אפלערנען וועט מען זעהן אז ער האט א יאוש, אונטער דעם 'דעת', אין די אינעווייניג פון'ם דעת האט ער שוין א שטיקל יאוש פון זיך אליין, וואס זאל איך טוהן שוין נאך א שובבים.

## די הייליגע טעג פון שובבים

אבער ווען ער וואלט געוויסט אז הבא לטהר "מסייעין אותו", מה דאך די מדה פון פרעה די עורף האט מען געבויגן, די עם קשה עורף די מקום וואס די איד וויל זיך בייגן, ער בייגט זיך, וויפיל מ'העלפט איהם, וויפיל ס'ווערד, וויפיל "מסייעין אותו" באקומט ער אז ער זאל באמת זוכה זיין צו לטהרנו ולקדשנו בקדשתך העליונה.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, אזעלכע הויכע טעג, די 'ימי השובבים', אזעלכע ליכטיגע טעג, 'יציאת מצרים', מ'בייגט דעם עורף, די עם קשה עורף די פרעה ווערט געבויגן, די פרעה שבקרבנו, אונזער 'טבע' שבקרבנו, אונזער 'בחירה' ווערט אויסגעלייטערט, זאלן אונז זוכה זיין באמת וקרב פזירנו מבין הגוים ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ, צאמנעמען און מתקן זיין אלע ניצוצות, וועט מען זוכה זיין אזוי ווי די קדושת לוי זאגט, [מ'האט שוין גערעדט אויף דעם א שמיעס בפני עצמו] אז אדר איז לשון אדרת זוכה זיין צו די 'לבוש', צו די 'מקיפין' וואס מ'באקומט חודש אדר פון כח פון די הייליגע טעג פון שובבים.

# מאמר ב' לפרשת בא

***די באקאנטע רמב"ן***

מיר שטייען פרשת בא, פרשת בא איז א רייכע פרשה, ווי עס קומט ארויס "אמונה" ס'גיסט זיך די אמונה און די אלע זאכן, מ'וועט נעמען א זאך וואס אלע וויסן, אלע קענען דאס, און מ'וועט דאס איבער חזר'ן, מ'וועט פרובירן דאס אביסעלע אפטייטשן. ס'איז ידוע אז די הייליגע רמב"ן אין סוף פון די פרשה איז שטארק מאריך אין די מושג פון נסים ונפלאות וואס די אייבישטער טוהט מיט אידן,

***יסוד התורה כולה***

איינער פון די באקאנטע לשונות וואס אונז וויסן פון דעם רמב"ן איז, "**ומן הנסים הגדולים המפורסמים הוא מודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כולה**", ווען ס'פאסירט א גרויסע נס, א באוואוסטע נס, איז דאס גורם אז די מענטש מודה אויך אין די נסים הנסתרים, אין די נסים וואס מ'ווייסט נישט, ווייל דאס איז די יסוד פון די גאנצע תורה, חזר'ן די גרויסע נסים, ווי למשל יציאת מצרים, ווי דער רמב"ן הייבט אן אז די גאנצע סיבה פארוואס מ'האלט אין איין חזר'ן נאכאנאנד די ענין פון יציאת מצרים, וואס די אותות ומופתים ברענגען אז מ'זאל גלייבן אלעס.

די הייליגע רמב"ן איז ממשיך , "**ואין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שמאמין בכל דבריו ומקרינו שכולם נסים אין בו טבע מנהגו של עולם**" א מענטש האט נישט קיין חלק אין תורת משה רבינו ביז ווען ער גלייבט נישט אז אלץ וואס פאסירט מיט איהם איז נסים, און ס'האט נישט צוטוען מיט קיין טבע ומנהגו של עולם, בין ברבים בין ביחיד ס'האט נישט מיט דעם ??? נאר הכל בגזירת עולם כאשר ביארנו.

***'נסים' איז אותיות 'סימן'***

מ'וועט זיך אביסעלע אפשטעלן, וואס וויל דא די רמב"ן? און צו ווי איז דאס אונז נוגע יעדן טאג נאכאנאנד?

נסים איז אותיות 'סימן', אות הייסט א סימן, א צייכן, מופת, אלעמאל ווען מ'פארעט זיך מיט די מושג וואס רופט זיך 'סימנים' איז די טייטש איך זעה נאר א קלייניקייט, און ס'איז א סימן אז אונטער דעם ליגט א גרויסע אוצר, ס'דא פלעצער אין די וועלט וואס ווען מ'זעהט אז ס'דא אזא און אזא מין ערד, מ'גראבט אביסל און מ'זעהט אז ס'דא אזא מין ערד, איז א סימן אז אונטער דעם איז דא א גרויסע אוצר פון 'לעכט', ס'דא אזא סארט ערד מ'גראבט אביסל און... אה, דא איז דא 'גאלד', - **סימנים**, מ'טרעפט עס אויך אין כל מיני זאכן אין די תורה, - דאס איז א סימן אז ער איז שוין א גדול, און וואס? ער האט א כח צו בויען ווייטער די וועלט - **סימנים**.

***די אותות***

א אות אין די תורה הייסט א סימן - א צייכן, די אותות וואס די אייבישטער מאכט, דאס דארף דיר מגלה זיין אז אונטער דעם איז דא א **גרויסע אוצר**, וואס אפילו די זאכן וואס די זעהסט נישט איז אויכעט כביכול הקב"ה מאכט מיט דיר זאכן וואס איז מלובש אין טבע, אבער ס'איז נישטא אזא זאך 'טבע', ס'איז פארוויקלט און צוגעדעקט אויף א צורה של טבע אזוי ווי די רמב"ן לערנט אויס, דאס איז די טייטש.

***'השגחה פרטית'***

למשל, איינע פון די זאכן וואס קאכט היינט שטארק אין די וועלט איז די ענין פון 'השגחה פרטית', ס'איז זייער שטארק אריין, עס גייט ארויס א 'בלעטל' עס איז דא א 'טלפון ליין', מ'רעדט וועגן 'השגחה פרטית', אז דאס האט פאסירט בהשגחה פרטית, און מ'פארציילט גאנצע מעשיות, אבער מ'דארף פארשטיין אפאר יסודות, ריכטיג, דאס איז א יסוד אין אמונה אז אלץ פירט זיך מיט א מורא'דיגע השגחה, אבער די השגחה פרטית דארף זיך נישט ענדיגן אז מ'האט מצליח געווען, די השגחה פרטית דארף זיך נישט ענדיגן אז מ'האט 'געזעהן' די חסד השם, נאר מ'דארף מאמין זיין טרוקענערהייט, "אלעס" איז השגחה פרטית, צו איך פארשטיי יא, צו איך פארשטיי נישט, צו ס'איז צום סוף געלונגען, צו ס'איז נישט צום סוף געלונגען, צו ס'איז ארויסגעקומען פון דעם א טובה נגלית, צו ס'איז ארויסגעקומען ח"ו פארקערט פון א טובה נגלית,

***טוב להודות לה'***

נארמאל דערציילט מען, איך האב געהאט א מורא'דיגע השגחה פרטית, איינער דערציילט מיר נעכטן, איך בין געפארן מיט א מאשין, א סעקונדע נאכדעם וואס איך בין געפארן איז דארט אראפגעפאלן א צווייטע מאשין, ס'וואלט ר"ל געקענט געשעהן ווער ווייסט וואס..., ריכטיג, ס'איז א אמת'ע השגחה פרטית, און מ'דארף דאנקען, מ'קען טאקע נישט מאכן 'הגומל' אבער א סעודת הודאה מעגסטו מאכן, בתוך רבים אהללנו, ס'איז מורא'דיג, אבער די אייבישטער זאל אפהיטן ווען עס פאסירט מיט די מענטש א זאך, נישט קיין באקוועמער זאך, ער האט געשיקט מיט א מענטש א פעקל ערגעץ, און די מענטש האט דאס נישט איבערגעגעבן, און ער זוכט דאס יעצט א וואך צייט אוואו דאס ליגט, וכו' וכו' וכו', דארף ער וויסן אז דאס איז השגחה פרטית, אין ס'מוז נישט זיין אז צום סוף ענדיגט זיך די השגחה פרטית אז ער וועט 'זען' די גרויסע חסדים.

***נבואה קטנה***

נאכמער, השגחה פרטית מיינט נישט א זאך וואס האט מיט מיר אדער מיט איהם, יעדע זאך אין די בריאה, א בוים אינמיטן א מדבר, יעדע זאך וואס פאסירט, און ס'דארף נישט זיין קשור צו מענטשן, צו בעלי חיים, צום דומם, צומח, חי, מדבר, 'יעדע זאך', מען דארף אזוי לעבן אז אלץ איז די אייבישטער.

יעצט צו דערצו האט אונז די הייליגע בעל שם טוב אויסגעלערנט, אז למעשה איז יעדע זאך אזוי ווי א נבואה קטנה, אז ס'פאסירט מיט דיר אזא זאך איז די טייטש, די אייבישטער האט צוגעפירט אז דו זאלסט זעהן די זאך, רעדט דאס צו דיר, די אייבישטער רעדט צו דיר מיט די נבראים, די אייבישטער רעדט צו דיר מיטן דומם, צומח, חי, מדבר, די אלע זאכן וואס דרייט זיך ארום דיר, אויב ביזסטו מאמין בהשגחה, דארפסטו וויסן אז ביסטו אנגעקומען אין דיין פלאץ, איז א קלארע סימן אז דו דארפסט דא מתקן זיין עפעס.

***'מאוד עמקו מחשבותיך'***

און ס'איז ידוע אז אמאל האט א פריץ געבויעט א ריזיגע פאלאץ, און ער האט געענדיגט דאס בויען, ס'איז שוין געשטאנען זייער שיין, איז א צדיק געפארן אויפן וועג, און ס'האט אנגעהויבן שטארק צו רעגענען, איז ער אריינגעלאפן אין די פאלאץ זיך באשיצן אביסעלע פון די רעגן, ווען ס'האט געענדיגט די רעגן איז ער ווייטער געפארן און ס'איז צוזאמגעפאלן די פאלאץ, ס'איז ידוע פון צדיקים קען זיין די בעל שם, כ'געדענק נישט פונקטליך, כ'האב עס געהערט שוין אלץ קינד, אז זיי האבן געזאגט אז די גאנצע פאלאץ פארוואס ס'איז געווארן געבויעט איז כדי די צדיק זאל זיך קענען אפאר מינוט באשיצן פון רעגן, דאס איז ווען א צדיק קומט און ער באווייזט די זאך, אסאך מאל איז ער אריינגעלאפן אונטער א דאך וועגן א רעגן, און מ'איז געגאנגען ווייטער, די דאך איז נישט אראפגעפאלן, און דער דאך איז איינער פון די סיבות פארוואס דאס שטייט אויף די וועלט איז אז ער זאל דארט אריינגיין אונטער דעם ביים רעגן, דו זאלסט געדענקן, נישט צופעליג האט יענער געבויעט א בנין, און למעשה, האט דאס מיך אויכעט געראטעוועט, ניין, דאס איז שוין געווען געווארן בחשבון ביים בויען די בנין, די רבונו של עולם 'מאוד עמקו מחשבותיך' האט שוין אלעס אויסגערעכנט ביזן סוף.

נאר די עבודה פון א איד איז ווען ער האט אמאל א גילוי, ס'ווערט איהם 'נתגלה', ס'ווערט ביי איהם א 'אות' - א צייכן, ער באקומט א 'סימן' פון א השגחה פרטית, דארף ער דאס נעמען און דאס אריינשיינען אויף אלעס.

***עד שמאמין בכל דברינו***

און דאס איז די יסוד וואס די הייליגע רמב"ן לערנט אונז אויס, "ומן הנסים הגדולים והמפורסמים, הוא במודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כולה שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שמאמין **בכל** דברינו ומקרינו", נישט נאר א זאך וואס איך זעה אליין, יעדע זאך ומקרינו, 'שכולם נסים ואין בהם טבע מנהגו של עולם'.

די אייבישטער זאל אונז העלפן אונז זאלן לעבן אין די נקודה געשמאק, און אלעמאל אלעמאל אלעמאל געדענקן, נישט נאר די נקודה פון 'בעזרת השם', נישט נאר די נקודה וואס מ'חזר'ט 'אם ירצה השם' ווען איך עס מאכן, נאר וויסן אז אלעס איז תלוי אין רצונו יתברך, סיי ווען איך געדענק, סיי ווען איך געדענק נישט, חזר'ן פאר זיך, און והגדת לבנך, דאס אריינצושיינען אין אונזערע קינדער עד סוף כל הדורות.

**טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'**

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 052-713-5944**

**א פרייליכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערט און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**